ועד"ז איז דאך מובן דער גודל הזכות פון טאן אין דעם ענין, אז בשעת כ'טוט אין דערויף ווערט דער "ישמח ישראל בעושיו", ווי ער איז מבאר אין תניא (פל"ג) אז דאס איז ניט נאר די שמחה פון דעם אידן, נאר "בעושיו" - דאס איז די שמחה פון דעם אויבערשטען.

וואס דערפאר דארף זיין די התעסקות מיט יעדער איד, אז יענער זאל ניט זיין אין אן אופן פון כמה יוסף איכא בשוקא, ווארום יעדער איד האט באקומען גאנץ תורה, אפי' די גרים שנתגיירו כהלכה, ווי ער זאגט אין פרדר"א אז נשמות הגרים זיינען אויך געווען במעמד הר סיני. און דורך דערויף וואס ער איז משפיע אויף יענעם, און איז מגלה דאס וואס יענער האט, דורך דערויף ווערט דער יותר ממה שבעה"ב עושה עם העני העני עושה עם הבעה"ב (ויק"ר פל"ד, ח), אז דער וואס ער האט משפיע געווען אויף איט, ווערט יענער זיין משפיע.

און די אלע ענינים ווערן נצטרף צוזאמען, און ס'ווערט נמשך ברכת ה' אין אלע ענינים למטה מעשרה טפחים, און אין אן אופן אז תוספתו מרובה על העיקר.

און מ'קומט פון מתן תורה צו דעם נשא את ראש, אז ס'ווערט דער ענין פון נשיאת ראש, און אין אן אופן פון ושמחת עולם על ראשם, בביאת משיח צדקנו בקרוב ממש.

ב. בהמשך להאמור לעיל אז דער שבת קומט בהמשך צו חגה"ש, וויבאלד אז בשבוע שלפניו זיינען געווען די ימי תשלומין פון שבועות, איז כאן המקום צו משלים זיין - אויך מלשון שלימות - די ענינים וועלכע מ'האט ניט גערעדט בחגה"ש, עכ"פ א חלק פון זיי.

וואס איין ענין איז וואס מ'האט גערעדט (בההתוועדות דלרחגה"ש) וועגן דעם ענין פון כהן און כה"ג, און דער צווייטער ענין איז, בנוגע דעם מנהג צו עסן מאכלי חלב בחגה"ש.

אין דעם טעם פון דעם מנהג הנ"ל, צו עסן בחגה"ש מאכלי חלב, איז מבואר אז דאס איז דערפאר וואס דעמולט זיינען אידן נצטווה געווארן אויף דיני שחיטה, האבן זיי ניט געקענט עסן די מאכלי בשר וואס זיי האבן גע'שחט'ן פריער, דערפאר וואס עכו"ם לאו בר זביחה, און ביום זה עצמו האבן זיי ניט געקענט שחט'ן ווארום "לכו"ע בשבת ניתנה תורה" (שבת פו, ב), און שבת קען מען דאך ניט שחט'ן, וואס מפני כל הנ"ל האבן זיי געדארפט עסן בלויז מאכלי חלב - און אלס זכרון דערצו, איז דער מנהג צו עסן ביום זה מאכלי חלב.

ס'איז אבער ניט מובן: וויבאלד אז אידן זיינען דעמולט נצטווה געווארן אויף דיני כשרות, האבן זיי דאך אויך ניט געקענט עסן די מאכלי חלב פון די כלים וואס מ'האט גענוצט פריער, ווארום חלב ממש דארף דאך זיכער האבן א כלי, און אפי' די מאכלי חלב וואס זיינען א דבר גוש (ניט קיין נוזל) דארפן אויך האבן א כלי (ניט ווי א פרי וואס דארף ניט האבן קיין כלי לאכילתו), איז פארוואס געפינט מען ניט ס'זאל נרמז ווערן אין דעם מנהג צו עסן מאכלי חלב, אויך דער ענין אז די אידן האבן דאס ניט גענוצן אין זייערע אלטע כלים?

אפי' אויב מ'וועט זאגן אז אידן האבן געהיט דיני בשר בחלב אויך לפני מ"ת *), זיינען זיי דאך ביום זה ארויס פון די מציאות פון ב"נ, און געווארן אידן, און דער דין איז דאך, אז כלים פון א גוי דארפן האבן טבילה פאר דעם וואס א איד ניצט זיי.

- וואס -

---

*) ראה מדרז"ל עה"פ וירא יח, ח.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 317 הודפס ע"י אוצר החכמה

וואס לרוב הפוסקים (ראה פר"ח יו"ד רסק"ב) איז דער דין אז טבילת כלים איז מן התורה, און אפי' לויט מיעוט הפוסקים (רמב"ם ונו"כ הל' מא"ס פי"ז ה"ה) וואס האלטן אז דאס איז מדרבנן, לייגט זיך צו זאגן, אז ביום מ"ת וואס דעמולט פסקה זוהמתן (שבת קמו, א), און וועז אלע אידן זיינען געווען כהנים גדולים - ווי ער זאגט אין בעה"ט עה"פ (יתרו יט, ו) ואתם תהיו לי ממלכת כהנים גו' (ראה לקמן שיחה ג') - האבן אידן מקיים געווען אויך מצוות דרבנן, ובפרט אז אפי' אברהם אבינו האט מקיים געווען אויך עירוב תבשילין (יומא כח,ב) וואס דאס איז מדרבנן (רש"י שם), איז דאך זיכער אז בשעת מ"ת האבן אידן מקיים געווען אפי' מצוות דרבנן.

און אעפ"כ איז לא אשתמיט תנא, און אויך ניט אין די ספרים שלאחרי זה, דערמאנען אז אידן האבן דעמולט גע'טובל'ט זייערע כלים; און אויך, כאמור לעיל, מ'געפינט ניט אז דאס זאל זיך אויסדריקן צוזאמען מיטן מנהג צו עסן מאכלי חלב בחגה"ש.

דערפון איז נשתלשל געווארן די זעלבע שאלה בזמן הזה, בנוגע צו מכירת חמץ: וויבאלד אז מ'פארקויפט די כלים אויף פסח צו א גוי, דארף מען זיי דאך טובל'ן פאר דעם וואס מ'נוצט זיי, ווײלע דאס זיינען דאך כלים של נכרי?

און מ'געפינט טאקע אז דער נודע ביהודה (שו"ת מהדורא תליתאי סי"א) און דער חתם סופר (שו"ת או"ח סי' קט) האלטן אז מטעם זה זאל מען טאקע ניט פארקויפן די כלים.

אבער דער אלטער רבי אין נוסח השטר מכירה שלו שרייבט בפירוש אז די מכירה איז אויך פון "כלים מחומצים שיש עליהם חמץ בעין", און אזוי איז אויך דער מנהג בכ"מ צו פארקויפן אויך די כלים.

מ'קען ניט זאגן אז לויט דעם אלטן רבי'ן דארפמען טאקע טובל זיין די כלים נאך פסח, ווארום מ'ווייסט דאך ווי מ'האט זיך געפירט ביים אלטן רבי'ן, און די מציאות איז אז מ'האט זיך אזוי ניט געפירט, און ס'איז דאך פארשטאנדיק און מ'קען זיך פארשטעלן וואס וועט זאגן די בעל-הבית'טע אז מ'וועט איר הייסן טובל'ן אלע כלים יעדן יאר נאך פסח פארן נוצן זיי!

אין די הגהות פון רא"ד לאווט (שער הכולל לסדר מכירת חמץ סקי"ז) שטעלט ער זיך טאקע אויף דעם וואס דער אלטער רבי זאגט אין נוסח השטר מכירה שלו, און ער זאגט אז דער אלטער רבי מיינט ניט די כלים שבסעודה, ווײלע צריך לשפשפן שלא יהי' עליהם חמץ בעין.

איז אע"פ אז ער איז טאקע מיין זיידע, אבער איך פארשטיי דאס ניט, ווארום אלע כלים "צריך לשפשפן", און לשיטתו - וואס פארא כלים פארקויפט מען? עכ"פ, דער ביאור איז ניט אויסגעהאלטן. *)

בינתיים - צווישן מ"ת מיט פסח, איז דאך דורך געגאנגען א משך זמן, איז אויך בנוגע יענעם זמן איז דא א שאלה וואס איז פארבונדן מיטן ענין הנ"ל:

ביי מלחמת מדין זאגט די תורה דעם ערשטן מאל די דינים פון גיעולי עכו"ם. און די הסברה בזה, פארוואס שטייט דאס דעמולט איז

- בפשטות: -

---------

*) וראה שד"ח אסיפת דינים מע' חו"מ סי' ט, אות כד. וראה שו"ת יד יצחק ח"ב סי' קס"א נסמן ביסודי ישורון ח"ו (ע' רצ).



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 313 הודפס ע"י אוצר החכמה

בפשטות: וויבאלד אידן האבן מלחמה געהאט מיט מדין, און גענומען שלל, וואס צווישן דעם איז אויך געווען כלים, און דערפאר האט מען זיי אנגעזאגט דעמולט אז מ'זאל כשר'ן די כלים וכו'.

שטעלט זיך די שאלה - און ווי דער רמב"ן (עה"פ מטות לא, כג) פרעגט: פארוואס "לא אמר להם זה מתחלה בכלי סיחון ועוג שלקחו גם שללם"?

ענטפערט דער רמב"ן: "והטעם, כי סיחון ועוג מלכי האמורי הם וארצם מנחלת ישראל היא", ד.ה. אז אויף דעם איז דא די מצוה פון כיבוש הארץ, איז דערפאר "הותר להם כל שללם .. ואמרו רבותינו (חולין יז, א) קדלי דחזירי אשתרי להו", איז דערפאר דעמולט ניט געזאגט געווארן דער דין פון הגעלה, ווייל מה-דאך אז זיי האבן געמעגט עסן קדלי דחזירי, עאכו"כ אז זיי האבן געמעגט עסן פון די כלים וואס האבן בולע געווען אן איסור, "אבל מדין .. לא לקחו את ארצם, רק לנקום נקמתם הרגו אותם" - איז דאך דאס ניט קיין ענין פון כיבוש הארץ, איז דערפאר אין דעם ניטא דער היתר פון קדלי דחזירי.

עד"ז זאגט ער דארטן לגבי דעם דין פון טומאה וואס איז דעמולט געזאגט געווארן, אז ביי מלחמת סיחון ועוג זיינען געווען אלע אידן, איז טומאה הותרה בציבור, משא"כ אין מלחמת מדין זיינען ניט געווען אלע אידן, האט מען מזהיר געווען אויף דערויף.

ס'בלייבט נאך אבער שווער: צוזאמען מיט די דינים פון גיעולי נכרים, איז דעמולט - בעת מלחמת מדין - געזאגט געווארן אויך דער דין פון טבילת כלים - ווי רש"י לערנט דאס אפ פון "אך במי נדה יתחטא" (מטות לא, כג), און די גמ' (ע"ז עה, ב) פון "במי נדה" צוזאמען מיט "וטהר", איז דאך דא די שאלה הנ"ל פארוואס איז דאס ניט געזאגט געווארן ביי מלחמת סיחון ועוג - בנוגע צו טבילת כלים (און דא גייט ניט אן דער תירוץ פון רמב"ן)?

און דאס וואס דער רמב"ן זאגט "ולבי מהרהר עוד לומר שהטבילה הזו מדבריהם, והמקרא אסמכתא עשו אותו" - איז א) ער שרייבט דאך דאס בספק, ב) דאס גופא דארף האבן א ביאור פארוואס שטייט די אסמכתא אויף טבילת כלים אין מלחמת מדין, און ניט אין מלחמת סיחון ועוג וואס איז געווען פאר דערויף, ובכל אופן מדוע לא העיד הרמב"ן בכ"ז?

איז דאך דא די אריכות השקו"ט בזה אין אחרונים (ראה שו"ת הר צבי יו"ד סי' קט), אבער נוסף אויף דעם וואס זייערע תירוצים זיינען דחוקים ביותר, בלייבט דאך לויט זיי די שאלה אויפן רמב"ן: פארוואס שטעלט זיך ניט דער רמב"ן אויף די שאלה, אזוי ווי ער פרעגט ביי גיעולי נכרים, ער האט געדארפט פרעגן די שאלה און זאגן א תירוץ?

לכאו' וואלט מען געקענט זאגן גאר א פשטות'דיקן תירוץ פאר-וואס פרעגט ניט דער רמב"ן - דמקשה רק מדאורייתא - בנוגע צו טבילת כלים, פארוואס האט מען דאס ניט באווארנט במלחמת סיחון ועוג, ולא במ"ת - וואס דאס איז בפשטות:

ס'איז דאך דא דער כלל (שבת קלה, סע"א) "ניתנה הודה ונתחדשה הלכה" ד.ה. אז ס'איז דא ענינים וואס זיינען נתחדש געווארן נאר פון זייער ציווי אן, ע"ד ווי דער ענין פון פ' נחלות וואס דאס איז נתחדש געווארן ביי בנות צלפחד, ועד"ז פ' מקושש און פ' מקלל.

עד"ז קען מען דאך זאגן בנוגע דעם ענין פון טבילת כלים, אז דאס איז געגעבן געווארן דעם ערשטן מאל ערשט בשעת מלחמת מדין; דעמולט

הנחת הת' בלתי מוגה - איז -



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 312 הודפס ע"י אוצר החכמה

איז נתחדש געווארן דער גאנצער ענין, און פריער איז דאס ניט געווען, וואס דערפאר שטייט דאס נאר בא מלחמת מדין, ווארום דעמולט איז דאס נתחדש געווארן.

און ס׳איז קיין שאלה ניט אויב אזוי קען מען דאך זאגן די זעלבע זאך בנוגע צו הגעלת כלים, אז דאס איז נתחדש געווארן בעת מלחמת מדין, איז וואס פרעגט דער רמב"ן פארוואס שטייט דאס ניט ביי מלחמת סיחון ועוג - ווארום דער ענין פון הגעלת כלים, ד.ה. אז א דבר הבלוע בתוך כלי האט אויף זיך די זעלבע גדרים ווי ער וואלט זיין בפ"ע - וואס דערפאר דארפמען דאך מגעיל זיין די כלים, אויף ארויסנעמען פון זיי דעם דבר איסור הבלוע בתוכם - איז דאס שוין געווען פריער, ווי ס׳שטייט אין חומש ויקרא:

בנוגע צו א חטאת שטייט אין פסוק (צו ו, כא) "וכלי חרש אשר תבשל בו ישבר ואם בכלי נחשת בשלה ומרק ושטף במים", וואס דאס איז דאך מצד דער בליעה שבכלי (ראה פירש"י שם - נתבאר בשיחת ש"פ פרה וש"פ החדש ש.ז.) - ווייסט מען דאך שוין דערפון, אז ס׳איז דא דער דין פון הגעלה - "ומרק ושטף", צוליב דעם ענין הבליעה. וואס דערפאר איז מובן וואס דער רמב"ן פרעגט פארוואס שטייט דער ענין בפירוש נאר ביי מלחמת מדין און ניט ביי מלחמת סיחון ועוג, ווארום דאס שטייט שוין פריער, משא"כ דער ענין פון טבילת כלים איז נתחדש געווארן בעת מלחמת מדין.

אבער נוסף אויף דעם וואס עס בלייבט נאך אלץ שווער בנוגע צו מכירת חמץ - בלייבט אויך די שאלה: פארוואס זאגט דאס ניט דער רמב"ן?

קען מען זאגן דעם ביאור אין דעם: דער רמב"ן שטעלט זיך בפירושו אויף רש"י׳ן און אין רש"י איז שוין באווארנט דער ענין - כדלקמן - און לויט דעם וועט מען אויך פארשטיין בנוגע לשני השאלות דלעיל:

אין דעם טעם פון טבילת כלים זאגט דער ירושלמי אין ע"ז (פ"ה הט"ו): "צריך להטביל לפי שיצאו מטומאת הנכרי ונכנס לרשות ישראל", ד.ה. אז דער טעם איז צוליב דעם חילוף הבעלות - מרשות נכרי לרשות ישראל, איז וויבאלד אז דאס קומט אן צו א רשות פון קדושה - א רשות פון א אידן, דארף זיין טבילה.

אבער אין רש"י (מטות לא, כג ד"ה אך במי נדה) שטייט אן אנדער טעם: רש"י זאגט "ורבותינו דרשו מכאן שאף להכשירן מן האיסור הטעין טבילה לכלי", ד.ה. אז די טבילה איז פארבונדן דערמיט וואס די כלי האט פריער געהאט א שייכות צו אן ענין של איסור.

און וויבאלד אז רש"י איז משנה דעם לשון: בנוגע צו הגעלה זאגט ער "לטהרם מן האיסור", און בנוגע צו טבילה זאגט ער "להכשירן *) מן האיסור", איז פארשטאנדיק צוויי נקודות: א) אז דער ענין פון טבילה איז ניט אזוי ווי הגעלה - לטהרם מן האיסור, ס׳איז מערניט ווי להכשירן ב) לאידך, אז אויך טבילה איז פארבונדן מיט אן ענין של איסור (דלא כהירושלמי).

ד.ה. אז אויף ארויסנעמען די כלי פון דעם איסור דארפן זיין צוויי פעולות: א) הגעלה - לטהרם מן האיסור, ד.ה. ארויסנעמען פון

- זיי -

---

*) ואף שברמב"ן כותב גבי הגעלה ג"כ הלשון "הכשר מן האיסור", הרי דיוק זה הוא רק ברש"י, דמשנה לאחר שכתב פעמיים לשון טהרה.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 320 הודפס ע"י אוצר החכמה

זיי דעם איסור *), וואס דאס איז ע"י הגעלה, און דעמולט האבן זיי שוין ניט אין זיך קיין ענין של איסור ווארום דאס איז אזוי ווי כלים חדשים, ב) טבילה - להכשירן מן האיסור, וואס דער ענין פון הכשר דא איז מלשון הכנה והכשרה, אז דאס זאל זיין צוגעגרייט מ'זאל זיך קענען ניצן דערמיט אין אן אופן אז ס'זאל זיין מובדל פון אן ענין של איסור, ווארום אע"פ אז ער האט ארויסגענומען דערפון דעם איסור איז נאך דא אן אפשריות אז זיי זאלן מקבל זיין אן איסור, און דורך די טבילה ווערט די כלי מוכשר אויף ניצן זיך מיט איר אין אן אופן אז ס'זאל אינגאנצן ניט זיין פארבונדן מיט אן ענין של איסור. **)

און ווי רש"י איז ממשיך אז דא רעדט זיך אפי' וועגן כלים "שתשמישן בצונן ולא בלעו איסור", און אעפ"כ דארף זיין אויך ביי זיי א טבילה, ווארום די טבילה איז ניט פארבונדן מיט ארויסנעמען דעם איסור פון דעם כלי, נאר דאס איז אויף צוגרייטן די כלי אויף נוצן זיך מיט איר אין אן אופן אז ס'זאל ניט זיין פארבונדן מיט אן איסור.

וואס דערפון זעט מען כנ"ל א נייעם טעם אין דעם ענין פון טבילת כלים, אז דאס איז ניט פארבונדן מיט בעלות הנכרי, נאר להכשירן מן האיסור, וואס דערפאר איז די הלכה אויך בנוגע צו כלים חדשים אז מ'דארף זיי מטביל זיין, ווארום זייענדיק ביים נכרי האבן זיי געהאט אן עלוליות אויף ווערן כלים וואס מ'נוצט זיי אויף דברי איסור, וואס דערפאר דארף זיין טבילה, מכשיר זיין די כלים אויף א השתמשות וואס איז ניט פארבונדן מיט איסור.

ואע"פ אז דאס שרייבט רש"י בפירושו על התורה, וואס בעיקרו איז דאס פשוטו של מקרא, און - כמדובר כמ"פ - דאס מוז ניט זיין אויסגעהאלטן ע"ד ההלכה, שרייבט דאך דאס ניט רש"י אלס אן אייגענעם פירוש, נאר ער זאגט אז אזוי "דרשו רבותינו", וואס דערפון ווייסט מען אז אזוי איז שיטת רש"י אויך ע"פ דרך הדרוש וההלכה.

און דא זעט מען אויך - כמדובר כמ"פ - אויף וויפל רש"י'ס ווערטער זיינען מדויק: מיט מוסיף זיין צוויי ווערטער - "להכשירן מן האיסור" - איז רש"י מחדש א נייעם ביאור אויף די מצוה פון טבילת כלים וואס לפי זה ווערן פארענטפערט כמה ענינים כדלקמן.

לויט רש"י'ס ביאור איז דאך מובן בפשטות פארוואס מ'האט ניט טובל געווען די כלים בעת מ"ת ווארום -כאמור לעיל - די אידן האבן דעמולט געהיט דעם ענין פון כשרות, און ווי מ'געפינט נאך ביי יוסף'ן וואס האט געזאגט (מקץ מג, טז) "וטבח טבח והכן", וואס דאס מיינט דאך דעם ענין השחיטה וכו' (ראה חולין צא, א), עד"ז געפינט מען דעם ענין השחיטה ביי יצחק, וואס ער האט געזאגט צו עשו "שא נא כליך גו'" (תולדות כז, ג), זאגט דארטן רש"י "חדד סכינך ושחוט יפה וכו'",

און וויבאלד זיי האבן געהיט דיני כשרות, האבן זיי דאך געהאט באזונדערע כלים אויף חלב (ועוד - כמה כלים ראוים רק לחלב מפני צורתם וכו'), וואס דערפאר האבן זיי ניט געדארפט טובל'ן די כלים

- בעת -

---

*) דטהרה שייך כשיש טומאה (להעיר גם מ"טהר יומא" - ריש ברכות).

**) וזהו ממש דין דפירש"י לא, יז בנשי מדין.



הדפסה ברזולוציה מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס : 321 הודפס ע"י אוצר החכמה

בעת מ"ת, ווארום דער גאנצער ענין פון טבילת כלים איז דאך פארבונדן בלויז מיט שלילת אפשריות האיסור, ואצלם לא היתה אפשריות כלל לענין של איסור.

עד"ז איז אויך מובן בנוגע צו מכירת חמץ, וואס אע"פ וואס מ'גיט אפ דעם נכרי די מפתחות פון די חדרים וואו די כלים געפינען זיך, איז מען זיך דאך משתדל אז דער נכרי זאל זיך ניט קענען נוצן מיט די כלים, און מ'ווייסט אז גלייך נאך פסח ווערט דאס צוריק דעם אידן'ס, ביז אז ס'איז דא אחרונים (ראה שד"ח אסיפת דינים מערכת חו"מ אות ט"ו) וואס זאגן אז דער גאנצער ענין פון מכירת חמץ איז כעין הערמה - איז אע"פ אז בנוגע צו חמץ הייסט דאס א מכירה, אבער די מציאות איז דאך אז דער נכרי וועט זיך דערמיט ניט נוצן - ואדרבה: אויב ער וועט זיך יע נוצן, וועט דאך דאס דארפן האבן ניט נאר טבילה נאר אויך הגעלה - אבער לפועל נוצט ער זיך ניט דערמיט, און דערפאר איז ניטא קיין חיוב צו טובל'ן די כלים נאך פסח, ווארום זיי האבן ניט געהאט קיין אפשריות מקבל זיין אן איסור.

וואס לפי הנ"ל קען מען זאגן, אז דער נו"ב מיטן חת"ס גייען לפי הירושלמי (הנ"ל), אז דאס איז ניט פארבונדן מיט אן ענין של איסור, נאר דאס גופא וואס די כלים זיינען געווען ברשות הנכרי און זיי גייען ארייך לרשות פון א אידן, וואס דערפאר זאגן זיי אז מ'זאל ניט פארקויפן די כלים, אבער דער אלטער רבי גייט לפי שיטת רש"י און נאך ראשונים (ראה ג"כ ריטב"א ע"ז עה, ב ד"ה כלי סעודה), אז דאס איז פארבונדן מיט איסור, וואס דערפאר קען מען פארקויפן די כלים כנ"ל.

וואס דאס איז ניט קיין ענין של הסכמה - דער אלטער רבי דארף ניט אנקומען צו קיינע הסכמות ח"ו - דאס איז נאר א ביאור והסברה אז מיר זאלן פארשטיין זיין שיטה אין דעם ענין.

ס'בלייבט נאך אבער שווער לשיטת רש"י, פארוואס האט מען ניט אנגעזאגט וועגן הגעלת כלים במלחמת סיחון ועוג. און מ'קען ניט ענטפערן אז רש"י לערנט ווי דער רמב"ן אז דעמולט איז "קדלי דחזירי אשתרי להו" *) - ווארום א בן חמש למקרא האט נאך ניט געלערנט דעם ענין, און רש"י זאגט אים דאס ניט.

איז דער ביאור בזה בפשטות: לפי שיטת רש"י דארף דאס די תורה בכלל ניט איבער'חזר'ן, וויבאלד אדם שטייט שוין בפ' צו ביי חטאת - "ומרק ושטף גו'" כנ"ל, ס'איז מערניט אז בשעת מעשה דארפמען מזרז זיין אויף דערויף;

וואס דערפאר וויבאלד אז בא מלחמת סיחון ועוג איז משה געשטאנען בראש המלחמה, וואס דאס איז געווען כדי די התחלה פון כיבוש הארץ זאל זיין ע"י משה - וואס ארץ סיחון ועוג איז דאך אויך א"י, און דאהטן איז געווען די נחלה פון די שני המטות וחצי המטה - איז דאך זיכער אז אלץ איז דארטן אפגעטאן געווארן באופן הראוי, ווארום משה האט זיי זיכער מזהיר געווען אפהיטן זיך פון די כלים וכו'.

משא"כ בשעת ס'קומט צו מלחמת מדין, וואס דאדטן זיינען געגאנגען נאר שנים עשר אלף אידן (מטות לא, ה), און מ'איז אוועק געגאנגען מיט פנחס בן אלעזר (שם ו) - ניט מיט משה, און דערנאך איז געווען ויקצוף משה (שם יד) און האט געזאגט הן הנה היו וגו' (שם טז), וואס

- דערפאר -

---

*) שלפי זה מיושב מדוע לא נתחייבו בטבילת כלים, דהרי הותרו קדלי דחזירי, ואין איסור.



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 322 הודפס ע"י אוצר החכמה

דערפאר האט אלעזר הכהן געדארפט באווארענען דעם ענין פון הגעלת כלים (ראה רש"י שם כא). *)

ויה"ר אז דורך דעם וואס ס'איז דער פסח כשר ושמח, איז מען דערנאך מקבל די תורה וכו', און ווי דער מדרש (שהש"ר פז, ב (ב)) זאגט ראוי' היתה עצרת של חג שתהא רחוקה המישים יום אזוי ווי עצרת של פסח, נאר ס'איז דא דער חילוק צו מ'גייט למקום קרוב צו למקום רחוק וכו', וואס דערפון איז פארשטאנדיק, אז דער קשר פון עצרת - חגה"ש - מיט פסח איז אזוי ווי דער קשר פון שמיני עצרת מיט סוכות, וואס דאס איז דאך איין יו"ט.

בל"ז ווי ס'איז דא דער פלא'דיקער זהר וואס ס'איז פון דארטן משמע אז די ימים שבין פסח לעצרת זיינען ע"ד ווי חוה"מ - ס'איז טאקע א פלא'דיקע זאך, אבער אזוי שטייט אין זהר.

וואס דער ענין פון עצרת איז דאך ווי די גמרא (ר"ה טז, א) זאגט אז דעמולט נידונין על פירות האילן, וואס דער ענין פון א אילן איז דאך א ת"ח, ווי די גמ' זאגט אין תענית (ז, א), זאל זיין דער אילן א נושא פירות, וואס פירותיו של צדיק מצוות ומעשים טובים (ב"ר פ"ל, ו),

ביז מ'קומט צום מעשה הכי טוב וואס רער אויבערשטער וועט טאן מיט אידן, די גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

ג. דער צווייטער ענין וואס מ'דארף יעצט משלים זיין, איז דאס וואס ס'האט זיך געדעדט (בערב חגה"ש) וועגן כהן גדול וכהן הדיוט, וואס לכאו' איז די שאלה פארוואס האט מען מדייך געווען אז דאס איז פארבונדן מיט א כה"ג דוקא?

וואס דער ביאור אין דערויף איז, אז דאס איז פארבונדן מיט מ"ת, ווי געבראכט פריער פון בעל הטורים אויפן פסוק "ואתם תהיו לי ממלכת כהנים גו'" - אז בשעת מ"ת זיינען אלע אידן געווען בדרגת כהנים גדולים, און אילו זכו וואלטן זיי געבליבן כהנים גדולים, און ער איז ממשיך "ולע"ל תחזור להם" - אז לע"ל וועלן טאקע אלע אידן זיין כהנים גדולים און ס'איז ניט דער פשט אז לע"ל וועלן אלע אידן זיין גלייך - לע"ל וועלן אויך זיין לוויים און כהנים, און א כה"ג און א נשיא בישראל, נאר דעמולט וועלן אלע אידן זיין בדרגת כה"ג פון איצטער, און די כהנים וכו' וועלן זיין א סאך העכער - לעילא ולעילא, וע"ד ווי דאס וועט זיין בכו"כ ענינים.

וויבאלד ס'איז דאך דא דער כלל וואס ער זאגט אין הניא (פל"ז), אז כל הגילויים דלעתיד זיינען תלוי במעשינו ועבודתינו במשך זמן הגלות, און וויבאלד אז דעם אויבערשטן'ס מדה איז מדה כנגד מדה (סנהד' צ, א), איז דאך מובן אז אויך לפני הגאולה דארף זיין עכ"פ א מעין פון דעם ענין אז אלע אידן זיינען כהנים גדולים.

- געפינט -

---

*) ובפשטות עוד יותר - פרשת גיע"נ (כאן) באת רק בשביל __החידוש__ (להעביר חלודה, טבילה) - ועפי"ז יתורץ למה לא הזהירום דכלי חרס ישבר - ונתחדש אך __עתה__ (אחרי המאורע דהן הנה היו גו' (וע"ד איסור גדה"נ).



הדפסה ברזולוצית מסך - להדפסה איכותית הדפס ישירות מן התכנה
שיחות קודש - תשל"ו ב שניאורסון, מנחם מנדל בן לוי יצחק עמוד מס: 323 הודפס ע"י אוצר החכמה